די קניען און זיך געבוקט צו אים. (ישעיהו נ, ו.)
20 און נאָך דעם ווי זיי האָבן אָפּגעשפּאָט פון אים,
האָבן זיי אים אויסגעטון דאָס פּורפּור, און אים
אָנגעטון זיינע מלבושים. און זיי פירן אים אַרויס,
כדי אים צו קרייציקן.
21 און זיי צווינגען אַ פאַרבייגייער, אַ געוויסן שמעון
פון קוריני, קומענדיק פון פעלד, דעם פאָטער פון
אַלעקסאַנדער און רופוס, אַז ער זאָל טראָגן זיין
22 בוים. און זיי ברענגען אים צו דעם אָרט גלגלתא,
וואָס דער טייטש דערפון איז: דאָס אָרט פון אַ
23 שאַרבן. און זיי האָבן אים געגעבן וויין געמישט
מיט מירע, וואָס ער האָט אָבער נישט אָנגענומען.
24 און זיי קרייציקן אים, און צעטיילן צווישן זיך
זיינע מלבושים, וואַרפנדיק גורל אויף זיי, וואָס
25 יעדער זאָל נעמען. און עס איז געווען די דריטע
שעה, און זיי האָבן אים געקרייציקט. (תהלים כב,
26 יד-טז, יח.) און דער כתב פון זיין באַשולדיקונג
איז געווען אויפגעשריבן: דער קעניג פון די יידן.
27 און צוזאַמען מיט אים קרייציקן זיי צוויי רויבער;
איינעם אויף זיין רעכטער זייט, און איינעם אויף
28 זיין לינקער זייט. און עס איז מקוים געוואָרן דער
פסוק, וואָס זאָגט:

און מיט פושעים איז ער פאַררעכנט געוואָרן.
(ישעיהו נג, יב.)

29 און די פאַרבייגייער האָבן אים געלעסטערט,
שאָקלענדיק זייערע קעפּ, און זאָגנדיק: האַ! דו,
וואָס צעשטערסט דעם היכל, און בויסט אים אויף
30 אין דריי טעג, ראַטעווע דיך אַליין, און קום אַראָפּ
31 פונם בוים! אַזוי האָבן אויך די הויפּט-כהנים
אָפּגעשפּאָט צווישן זיך צוזאַמען מיט די סופרים,
און געזאָגט: אַנדערע האָט ער געהאָלפן, זיך